ייִוואָ-בלעטער I (1929): 147-162.

י. דאָבּרושין

צוויי גרונט-אויסגאבן פון שאָלעם-אליינכעמס „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האסאָגעס”

(צו דער שאָלעם-אליינכעם-פאָרשונג)

I

אין 1900—901 יאָר הויבט אָן שאָלעמאַליינכעם זיין עכטע און וויכטיקסטע אַרבעט אַפן געביט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. צוויי און פערציק יאָר איז שוין דעמאָלט שאָלעמאַליינכעם אַלט געווען, געהאַט שוין אַ ליטעראַרישע פאַרגאַנגענהייט פון אַ וואָסערע אַכצן יאָר און דאָך פאַרמאָגט נאָך זייער אַ קליינעם, לעערעד, ליטעראַרישן פאַרמעגן. פון ווערק, וואָס גייען אַריין אין דעם פעסטן, אַזוי צו זאָגן, שאָלעמאַליינכעם-אַקטיוו, זיינען פאַר די אַלע יאָרן געווען אָנגעשריבן ניט מער, ווי אַ פאָר דערציילונגען: „דאָס מעסערל”, „לאַגבוימער”, אייניקע פיעסן, די ערשטע דערציילונגען פון די סעריעס „טעוויע דער מילכיקער” און „מענאַכעמענדל” און די ראָמאַנען: „סטעמפעניו”, „יאָסעלע סאָלאָוויי” און „סענדער בלאַנק”, וואָס שטעלן, אַלקאַלפאַנעם, מיט זיך ניט פאָר דעם טאָך און יאָדער פון שאָלעמאַליינכעמס רייפן שאַפן *.

די גאָר גרויסע קינסטלערישע שאָלעמאַליינכעם-ירושע, וואָס מיר האָבן באַקומען, איז, הייסט עס, באַשאַפן געוואָרן פאַר די לעצטע 16 יאָר פון שאָלעמאַליינכעמס לעבן, אָנהויבנדיק טאַקע פון 1900 יאָר, — דאָס יאָר, ווען שאָלעמאַליינכעם האָט זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן און מיט אַלעמען דער ייִדישער ליטעראַטור, דאָס יאָר, ווען אונטער דער ווירקונג פון די אויפגעבליטע רעוואָלוציע-האָפענונגען האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין ייִדישע צייטונגען און זשורנאַלן. די ייִדישע אַרבעטער-באַוועגונג איז דעמאָלט געוואַקסן, האָט מיטגעהאָלפן דעם וווּקס פון דער ייִדישער פאָלקס-שפּראַך, באַווירקט אַפילע די דעמאָלטיקע באַלעבאַטישע מיטלויפער און געהאָלפן, אַפּאָנעם, אַזאַ שרייבער, ווי שאָלעמאַליינכעם, פאַרענדיקן מיט זיין פאַרלענגערטן ליטעראַרישן צוגרייטונגס-פעריאָד און אַריבערגיין צו רייפע מאַסנטימלעכע און לעבנספולע קונסט-ווערק.

אין 1900 יאָר האָט שאָלעמאַליינכעם, — ווי ער דערציילט אַליין אין זיין אַוטאָביאָגראַפיע — „אינגאַנצן אַוועקגעוואָרפן אַלע געשעפטן און אָפּגעגעבן זיך אויסשליסלעך צו דער ליטעראַטור. און די ליטעראַטור די ייִדישע, דערהויפּט די פאָלקס-ליטעראַטור אַף דעם אַזוי גערופענעם זשאַרגאָן האָט אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערוואַקסן און צעבליִען. עס האָבן זיך גענומען באַווייזן צייטונגען און זשורנאַלן און פאַרשיידענע בוך-פאַרלאַגן. אַפּאָנעם, ס'איז אויסגעוואַקסן אַ לעזער און עס האָט זיך באַוויזן אַ נאָכפרעג אַפן בוך, דערהויפּט פון בעלעטריסטישן אינהאַלט” **.

און אין די יאָרן 1901—1902 און ווייטער האָט שוין שאָלעמאַליינכעם מיט אַ מין זעלטענער פרוכטבאַרקייט איינס נאָך איינס געשאַפן די ווערק, וואָס האָבן פאַרפעסטיקט זיין מייסטערשאַפט אַפן געביט פון דעם עכט-שאָלעמאַליינכעמישן מאָנאָלאָג און דיאַלאָג. און אָט אין די יאָרן 1901—902 האָט שאָלעמאַליינכעם אויך פאַרפאַסט איינע פון זיינע שענסטע סעריעס, אַ ריי דערציילונגען פון איין שניט, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבן: „די קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האסאָגעס”.

זיי פאַרנעמען, דאַכט זיך, גאָר אַ באַזונדער אָרט בײַ שאָלעמאַלייכעמען, אַט די זעלמענע
קאַסריליאָווקער בילדער, וואָס צייכענען זיך בעפיירעש אויס מיט אַ באַזונדער אָרט פּאַרטיפּ-
טער גאָגאָלישער * גראָטעסקישקײַט, מיט אַ מין אינטערעסאַנטן הינטערגרונט, וואָס שטאַמט
פון עפּעס אַ מיטלאַלטער, אין וועלכן שאָלעמאַלייכעם האָט פאַרזוכט די אַלע פאַרשווינען פון
דערדאָזיקער סעריע. ווי פון גאָר אַן אַנדערן ווײַטן באַלעם-לאַנד, פון עפּעס אַ יענוועלטישער
בעלעמער מעדינע קוקן זיי אַרויס די שאָלעמאַלייכעמישע קאַסריליקעס, ניט קיין מענטשן, נאָר
עמעסע עכטע „קליינע מענטשעלעך“, אַנדערשדיקע ווי אַלע באַשעפענישן, אויסערגעוויינלעכע
פאַרשווינען, וואָס ווייסן ניט פון צײַט, ווייסן ניט פון אייגענער צײַט אַפילע און וווּנדערן זיך
העדיבערך כידעשן זיך אַף זייער אייגענעם קליינמענטשלדיקן אויפן, ווען ס'טרעפט זיך עפּעס
אַ נעשעניש, ווען ס'טוט אַף זיי אָן אָטעם דאָס נײַע אומעטום שוין איבערגעאַנדערשטע לעבן.
זיינען דאָך די אַלע טיפּן פון אַלע אַנדערע און פילע שאָלעמאַלייכעמס מאָנאָלאָגן און
דערציילונגען — מענאַכעמענדל, טעוויע דער מילכיקער, די יידן פון „די פעקלעך“, די יידן פון
„גאַנץ באַרדיטשעװ“ אַפילע — זיינען זיי דאָך אַלע איצטערדיקע, שוין צופיל איצטערדיקע.
בײַ דער גאַנצער אָפּגעשטאַנענקײַט, אַלטמאָדישקײַט זייערער ווילן זיי גראָד מיט אַלע קוויכעס
הורכשפאַרן זיך איבעם היינט, טומלדיקע יאָגנדיקע ווילן זיי אַדרעאַבע גיכער זיין אָט דעם
נײַעם היינט, זיך קלינגן איבער אים און אים אויסנוצן...

די קאַסרילעװקער אָבער, די „קליינע מענטשעלעך“ שלעפּן דעם היינט אין זייער אידי-
לישער רו אַריין. מענאַכעמענדל פאַרט, שמייעט מיט דער בײַן, און קאַסרילעװקע גלויבט ניט,
אַז דער בײַן איז בעניטצע, גלויבט ניט, אַז מע האָט פאַרמישפּעט דרייפוסן, קאַסרילעװקע
האַנדלט נאָך ניט און וואַנדלט ניט, קאַסרילעװקע האָט דעריבער צײַט אויסהערן רעב יאָזעפלס
לאַנגע באַנומענע דראָשעס, האָט צײַט קריגן זיך פאַר שאַלעכמאָנעס און פאַר אַן אָרט אין
מיזרעך-וואַנט.

קאַסרילעװקע פון „די קליינע מענטשעלעך“ איז נאָך, צו גלויבן, אַ מענדעלע-שטאָט אין
מאָך, אַ טונעיאַדעװקע, אַ קאַבצאַנסק, אַ פאַטריאַרכאַלער געמייזעכץ, וווּהין שאָלעמאַלייכעם
האָט אַראָפּגעבראַכט די ערשטע ווײַטע מעשונע-פרעמדע וועלט-נײַסן. פון קאַסרילעװקע פאָרט
מען שוין קיין אַמעריקע („אַן אָנגעלייגטער ברים“), אין קאַסרילעװקע איז שוין פאַראַנען דער
יונגערמאַן, וואָס עסט אום יאָמקיפּער („אויסגעטרייסלט“), קאַסרילעװקע איז שוין געצוווּנגען
ברעכן די טראַדיציע פון ייבעסדיקע אײדעמס („נאַכעס פון קינדער“), קאַסרילעװקע באַקומט
אַ צײַטונג און חייסט פון פּאַריז און לאָנדאָן („פאַרבענקט אַהיים“ און „דרייפוס אין קאַסרי-
לעװקע“), קאַסרילעװקע פאַרטאָגט שוין אירע אייגענע אייגנאַרטיקע אָנשוויונגען וועגן סאָציאַלן
יווישער („נישט פאַר קיין יידן געדאַכט“, „ווען איך בין ראָטשילד“). אָבער פון דעם אַלעמען
האָט קאַסרילעװקע בײַ שאָלעמאַלייכעמען פון אָרט ניט גערירט זיך, קאַסרילעװקער —
דערויף זיינען זיי דאָך קאַסריליקעס — גייען פאַרבײַ דעם אַלעם, נעמען דאָס אַלץ אויף אַף
זייערע אייגענע קיילים און בלייבן, ווי געווען — בעלעמער איינוווינער, מינע „קליינמענטש-
לעך“, וואָס פירן זיך איבעם אונטערערד פון לעבן, האָבן אייגענעם שטייגער און דעריקער אייגענע
מידעס, אייגענעם אַרט דענקען, אייגענע „קליינע האַסאָגעס“.

אין דער ערשטער אויסגאַבע פון שאָלעמאַלייכעמס אַלע ווערק אין יאָר 1903, ווי אויך
אין דער שפּעטערדיקער „אויסגאַבע פון שאָלעמאַלייכעמס יובילעאום-קאָמיטעט“ פון 1909
יאָר, זיינען אין דער סעריע „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס“ אַריין פאָלגנדיקע דער-
ציילונגען און מאָנאָלאָגן: „די שטאָט קאַסרילעװקע“, „אַן אָנגעלייגטער ברים“, „נאַכעס פון
קינדער“, „אַ פאַרשטערטע פּאַסענע“, „נישט פאַר קיין יידן געדאַכט“, „דרייפוס אין קאַסרי-
לעװקע“, „קיין איינהאָרע ניט“, „אים מעג מען מעקאַנע זיין“, „צוויי שאַלעכמאָנעסן“, „נישטאָ
קיין מייסים“, „פאַרבענקט אַהיים“, „ווען איך בין ראָטשילד“. און אין דער „שאָלעמאַלייכעם
פאָלקס-פאַנד אויסגאַבע, ניו-יאָרק, 1923“ זיינען אויסער אָט די אויסגעכעשבנטע ווערק אַריין

* וועגן גאָגאָלס ווירקונג אַף שאָלעמאַלייכעמס דראַמאַטורגיע זע מײַן אַרטיקל אין „ציײַטשריפט“,
באַנד 2—3 מינסק, 1928.

אין דעם באַנד פֿון די „קליינע מענטשעלעך“ נאָך פֿינף דערציילונגען: „די יאָרשים“, „די גרויסע בעהאָלע פֿון די קליינע מענטשעלעך“, „אויסגעטרייסלט“, „די גאָלדשפּינערס“ און „בערל אייזיק“.

אין אָט. אויב אַרויסגיין פֿון שטאַנדפּונקט פֿון קינסטלערישער שליימעס בענויגייע צו ווערק פֿון איין גוסט און גייסט, וואָלט, צו גלויבן, פֿון די פֿינף שפּעטער צוגעגעבענע צו דער סעריע דערציילונגען באַדאַרפֿט אַריין אין „די קליינע מענטשעלעך“ בלויז צוויי: „די יאָרשים“ און „אויסגעטרייסלט“, די ביידע זיינען געשריבן טאַקע אין יאָר 1902 און זיינען געווים באַהויכט מיט דעם קינסטלערישן אָטעם, מיט וועלכן ס'זיינען באַווייט די אַלע דערציילונגען פֿון דעם זעלביקן יאָר, וואָס זיינען אַריין אין די ערשטע צוויי אויסגאַבן. וואָס איז שייך אָבער „די גרויסע בעהאָלע“, „גאָלדשפּינערס“ און „בערל אייזיקס“, געהערן זיי עפּשער מער צו דער סעריע „אַלט-ניי-קאַסרילעווקע“, צו דער ריי דערציילונגען, וועלכע זיינען אין דער ניו-יאָרקער אויסגאַבע איינגעטיילט אין אַ באַזונדער באַנד. געשריבן זיינען זיי שפּעטער: „די גרויסע בעהאָלע“ אין 1904 יאָר, „גאָלדשפּינערס“ אין 1909 און „בערל אייזיק“ אין 1915, און זיי אַלע, אַפֿילע די טעמאַטיש מער נאָענטע „גרויסע בעהאָלע“ פֿאַרמאָגן שוין ניט אָט אַ יענע אַלטפֿרענקישקייט, אָט די פּערספּעקטיוו, וואָס דערווייטערט די „קאַסריליקעס“ פֿונעם היינט און פֿאַרוקט זיי אין אַ מין מיטעדיקן, ווי געזאָגט, לאַנג שוין פֿאַרגאַנגענעם לעבן-סיידער. ווען יאָזעפֿל דער קאַסרילעווקער ראָוו איז אין דער „גרויסער בעהאָלע“ אין אַ באַוווסטן פּראָט בעפּיירעש שוואַכער איידער דערזעלבער רעב יאָזעפֿל, וואָס פֿיגורירט אין „פֿאַרבענקט אַהיים“, אין „אים מעג מען מעקאַנע זיין“, צי אין „יאָרשים“ און „אויסגעטרייסלט“. אין דער „גרויסער בעהאָלע“ איז רעב יאָזעפֿל דידאַקטיש אָנטפּלעקט, אָט ווי אין „קאַסרילעווקער ניסראָפֿים“, וואָס געהערט דער סעריע „אַלט-ניי-קאַסרילעווקע“ — אין די ביידע איז ער אַן אונדזעריק באַגרענעצט רעוול און ניט קיין באַזונדער „מענטשל“, עפּעס גאָר, ווי פֿון אַן אַנדער פּלאַנעט, אַן איינגאַר-פּיקער „דענקער“, — דער געבווירענער ראָש פֿון די אַלע „קליינע מענטשעלעך“, וואָס הערן און פֿאָלגן אים.

אויך אין זין פֿון פֿאָרם, פֿון געבוי איז „די גרויסע בעהאָלע“ נאָענט צו די „קאַסרילעווקער ניסראָפֿים“ — אין די ביידע גייט די צעטיילונג אויף קאַפּיטלען מיט אונטערקעפּלעך, און די דערציילונגען גופֿע פֿאַרמאָגן מער באַשרייבערישקייט און ווייניקער טאַט, בעשאַס די איקער-דיקע סעריע „קליינע מענטשעלעך“ צייכנט זיך אויס מיט שטרענגער איינגעהאַלטן-שילדערישער און טאַטפּולער פֿאַרפֿורעמונג. די גרעסערע דערציילונגען: „דרייפֿוס אין קאַסרילעווקע“, „פֿאַר-בענקט אַהיים“ און דערהויפּט „צוויי שאַלעכמאָנעסן“ זיינען בעפּיירעשע מוסטערן פֿון דער שאָלעמאַלייכעמישער נאָוועלע. אין קורצע לאַקאָנישע קאַפּיטלען וואַקסט דאָ אויס די אַנט-וויקלונג פֿון דער טעמע, ס'פֿירט זיך אַזוי אינטערעסאַנט אַריבער די האַנדלונג פֿון איין אָרט אַפֿן צווייטן, ס'וואַקסט אויס אַ מענטשן-רומל, אַ שטאָט טיפּן און ביי-טיפּן און אַלץ מיט אַלע-מען אין אונטערגעוואָרפֿן איינער און דערזעלבער קינסטלערישער קאַוואָנע — מיט יעדן גליד פֿון דער דערציילונג, מיט יעדער שילדערישער שורע אָנמאָלן דאָס לעבן און האַנדלונג פֿון די-דאָזיקע עכטע אַזוי געראָטן אָנגערופֿענע „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס“...

און דעריבער דאַרפֿן עפּשער פֿון אָט דער סעריע אַרויספֿאַלן אויך די דערציילונגען „גאָלדשפּינערס“ און „בערל אייזיק“. „גאָלדשפּינערס“ איז אַ שיינע דערציילונג, אָבער ערשטנס לויט אירע באַטיטלטע קאַפּיטלען געהערט זי שוין אויך דער סטיל-שטימונג פֿון „דער גרויסער בעהאָלע“ און „קאַסרילעווקער ניסראָפֿים“ און צווייטנס, זיינען אירע כאַראַקטער-שטריכן שוין ניט פֿאַרשאַרפֿט אַפֿן געביט פֿון געדאַנקען און זיטן, און דאָס איז האָך דעריקער פֿאַר שאָלעם-אַלייכעמס „קליינע מענטשעלעך“. און וואָס איז שייך דער דערציילונג „בערל אייזיק, דער-צילם הונדיירים פֿון אַמעריקע“, געהערט זי שוין בעכאָל אויפֿן צו דער סעריע „אַלט-ניי-קאַס-רילעווקע“, לויט איר אינהאַלט און צייט-גייסט געהערט זי אַהין אַ גאַנצן.

היימט עס, אַז פֿון איין גוס, פֿון איין שניט, פֿון איין קינסטלערישן אָטעם זיינען פֿאַרפֿאַסט אין די דערציילונגען פֿון דער סעריע „קליינע מענטשעלעך“, וואָס שאָלעמאַלייכעם האָט גע-

שריבן אין די יאָרן 1901—1902. אין זיי אַלע ליגט אין הינטערגרונט עפּעס אַ מין קרווועשאַפט צו מענדעלע מוכר ספרים, צום מייסטערדיקן גייסט פון מענדעלעס „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי“. אויסער דער אָרעמקייט פון די קאַסרילעווקער „באַלעבאַטים“, ווי שאָלעמאַליכעם רופט זיי אָן, אויסער דער דאַלפּאָנעס, וואָס שאָלעמאַליכעם שטרייכט אונטער אַף טרים און שריט — ציען זיך דאָך פון זיי, פון די קאַסריליקעס, אַזוינע מינע צאַרטע טרוים־פעדעמלעך צו מענדעלעס רייזע־העלדן מיט זייערע רוימע יידעלעך. ס'איז אַ טקופע, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין קינדהייט — דיראָזיקע אָפּשאַצונג, וואָס איז אַזוי, קאָן מען זאָגן, פּאַסיק פאַר מענדעלעס „מאַסאָעס“, האָט אויך שאָלעמאַליכעם געלייגט אין יעסאָד פון זיינע בעסטע קאַסרילעווקער בילדער. און אַף אַזאַ אויפן זיינען באַ שאָלעמאַליכעמען אויסגעוואָקסן די „ביניאָמינס“ און „סענדערלעך“ אין זייער נייעם נאָך־מענדעלישן סאָציאַלן גילגל — סאָציאַל פאַרמישפּטע פאַרשווינען פונעם שטעטלשן מיטלשיכט, וואָס זיינען קאָמיש באַ שאָלעמאַליכעמען אין זייערע בעסרוינעס און נאָך מער קאָמישער אין זייערע מיילעס...

די אויבן אויסגערעכנטע צוועלף דערציילונגען פון די אויסגאַבן פון 1903 און 1909 און די צוויי — „יאָרשים“ און „אויסגעטרייסלט“, וואָס זיינען אַריין אין דער ניויאָרקער אויסגאַבע פון 1923 — אָט די פערצן דערציילונגען און מאָנאָלאָגן דריקן אויס אַמשטאַרקסטן דעם סאָציאַלן באַרוף פון שאָלעמאַליכעמס קאַסרילעווקער בילדער, זיי שטעלן מיט זיך פאָר דעם כאָך און יאָדער פון שאָלעמאַליכעמס קינסטלערישער קאַוואָנע און אָט פון זיי און בלויז פון זיי דאַרף גיין אַ רייד בעשאַס ס'האַנדלט זיך וועגן דער קאַסרילעווקער סעריע, וואָס שאָלעמאַליכעם האָט אַ נאָמען געגעבן: „די קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס“ *.

II

וועדליק די פאַראַנענע באַקאַנטע דאָ באַ אונדז אויסגאַבן האָט שאָלעמאַליכעם צוויי מאָל איבערגעשריבן, צוויי מאָל איבערגעאַרבעט די טעקסטן פון די דערציילונגען, וואָס געהערן צו דער סעריע „די קליינע מענטשעלעך“.

גאָר דאָס ערשטע מאָל האָט שאָלעמאַליכעם די דערציילונגען פון דער סעריע געדרוקט אין „יוד“ 1901—1902 יאָר. און באַלד אינגיכן, אין 1903 יאָר, זיינען זיי אַרויס אין אַ בוך־פאָרם צווישן די פיר בענדער פון שאָלעמאַליכעמס ווערק, וואָס דער „פאַרלאַג פאָלקס־בילדונג, וואַרשע“ האָט אַרויסגעגעבן. „איבערגעאַרבעט און רעכט אויסגעבעסערט און צום ערשטן מאָל אַרויסגעגעבן“ — אַזוי שטייט געשריבן אַפן שאַר־בלאַט פון דעראָזיקער אויסגאַבע. פונקט מיט די זעלבע אויסבעסערונגען האָבן זיך „די קליינע מענטשעלעך“ איבערגעדרוקט — פון מאַטריצן אַפּאָנעם — אין דער „אויסגאַבע פון שאָלעמאַליכעמס יובילעום־קאָמיטעט“ פון 1909 יאָר. אין דיראָזיקע ביידע בוך־אויסגאַבן זיינען טאַקע די „קליינע מענטשעלעך“ „רעכט איבערגעאַרבעט“ לעגאַבע דעם ערשטן וואַריאַנט פון „יוד“ 1901—1902 יאָר. און דאָך טראָגן דיראָזיקע אויסבעסערונגען בלויז אַ סטיליסטישן כאַראַקטער, ס'האַנדלט זיך וועגן גרעסערע און קלענערע איבערשטעלונגען, וועגן אַרויסגעוואָרפענע און אַריינגעשטעלטע שורעס, וועגן אויסגעפּאַריבטע אויסדריקן און ווערטער, וואָס בייטן אָבער בעשום אויפן ניט דעם קינסטלערישן גייסט און כאַראַקטער פון יעדער דערציילונג באַזונדער און פון דער סעריע אינגאַנצן גענומען.

גרעבערע אָבער און איקערדיקע ענדערונגען האָט שאָלעמאַליכעם אַריינגעטראָגן אין דעראָזיקער סעריע שפּעטער, ווי ס'איז צו זען פון דער ניו־יאָרקער שאָלעמאַליכעמס פאָלקס־

* צו דעראָזיקער סעריע האָט געהערט לעכאַטכילע אויך די שיינע דערציילונג „פאַר מיינע אָרעמע לייט“, וואָס שאָלעמאַליכעם האָט אויך געדרוקט אין „יוד“ אין 1902 און אַריינגעשלאָסן מיט רעכט אין „די קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס“. אָבער שפּעטער אין 1910 האָט שאָלעמאַליכעם דיראָזיקע דערציילונג אַ נאָמען געגעבן „קאַסרילעווקער מוישעוו זקיינים“ און איבערגעאַרבעט אַזוי, אַז זי האָט העמיילע געטוזט אַרויס פון „די קליינע מענטשעלעך“ און אַריין אין דער אויבנדערמאָנטער סעריע „אַלט־ניי־קאַסרילעווקע“.

פאָנד אויסגאַבע פון 1923 יאָר. אין דער שאָלעמאַלייכעם פאָלקס־פאָנד אויסגאַבע — ניו־יאָרק, 1923 — געפינען מיר שוין ערטערווייז אַ היפּשע איבעראַרבעטונג פון אייניקע דערציילונגען און מאָנאָלאָגן, באַדייטנדע שינוים, פאַרמינדערונגען און הויסאָפעס, וואָס ביטן אָפּ־מאָל דעם קינסטלערישן טאָך פון דידאָזיקע קאַסרילעווקער טייפּעס און מוזן זיין אויסגעפאָרשט ניט בלויז צוליב וויסנשאַפטלעכע צילן פון באַקאָנען זיך מיט שאָלעמאַלייכעמס שאַפונגס־פּראָצעסן, נאָר אויך ביכדיי צו מאַכן פון דעם אייניקע גאַנץ וויכטיקע, ווי מיר דאַכט, אידעאָלאָגיש־קינסטלערישע אויספירן אַפן געביט פון דער שאָלעמאַלייכעם־פאָרשונג.

איז אָט וועגן די צוויי גרונט־וואַריאַנטן, ווי איך מיין, פון שאָלעמאַלייכעמס „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס“, וועגן די צוויי גרונט־אויסגאַבן פון 1903—1909 פון איין זייט און 1923 פון דער צווייטער זייט וועט דאָ גיין אַ רייד.

צום אַלעם ערשטן וועגן די טעקסטועלע ענדערונג, וואָס שאָלעמאַלייכעם האָט אַריינגעטראָגן אין דער ערשטער דערציילונג פון דער סעריע „די שטאָט קאַסרילעווקע“ אָדער, ווי שאָלעמאַלייכעם האָט זי שפּעטער אין דער לעצטער אויסגאַבע אָנגערופן, „די שטאָט פון די קליינע מענטשעלעך“, האָבנדיק טאַקע אין זינען, אַפאָנעס, אָפּגרענעצן דערמיט דידאָזיקע דערציילונג פון דער סעריע דערציילונגען, וועלכע ער האָט פריינער אונטערן נאָמען „אַלט־ניי־קאַסרילעווקע“.

דער אָנהויב פון דערדאָזיקער דערציילונג אין דער „יובילעום־אויסגאַבע פון 1909“*:

„פאַראַן אַלערליי שטעט אַף דער וועלט, פאַראַן אויך אַזאַ שטאָט, וואָס מען רופט זי „קאַטרילעווקע“.

עס געפעלט אייך ניט דער נאָמען? מיט וואָס איז קאַסרילעווקע ערגער, ווי מאַזעפּעווקע, זלאָדייעווקע, הולייפּאָליע, מאַלאָפּערטשעפּענע, וועסיליקוט, קאָזאָדאָיעווקע?

איטלעכער נאָמען האָט זיך זיין שוירעש, איטלעכע שטאָט האָט זיך איר היסטאָריע.

איר ווילט וויסן די היסטאָריע פון קאַסרילעווקע? זי איז לעבאַטע נאָך ניט אָפּגעדרוקט אין ערגעץ און אָפּזוכן זי אַפן „לאַנדקאַרט“ איז אויך ניט אַזוי גרינג.

זעט איר, דעם נאָמען קאַסרילעווקע, אויב איר ווילט וויסן, פון וואַנען ער שטאַמט — דאָס קאָן איך אייך דאַפקע יאָ זאָגן“.

דער אָנהויב פון דערזעלבער דערציילונג אין דער ניו־יאָרקער אויסגאַבע פון 1923:

„די שטאָט פון די קליינע מענטשעלעך, וואָס איך פיר דיך אַהין אַריין, פריינט לעזער, געפינט זיך פונקט אין מיטן פונעם געבענטשטן תחום, וו מען האָט אַוועקגעזעצט יידן קאָפּ אַף קאָפּ, ווי הערינג אין פעסל, און אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיך פרוכפּערן און מערן — און דער נאָמען פון הערדאָזיקער בארימטער שטאָט איז קאַסרילעווקע.

פון וואַנען נעמט זיך דער נאָמען קאַסרילעווקע? אָט פון וואַנען“.

אָט אַזוי האָט שאָלעמאַלייכעם אין דער לעצטער אויסגאַבע פאַרענדערט דעם פריער געבראַכטן אָנהויב, און באַלד דערנאָכדעם קומט אין דער ניויאָרקער אויסגאַבע נאָך אַ שטעל, וועלכע פעלט אויך לעגאַמרע אין די אַלע פריערדיקע אויסגאַבן:

„פאַרשטעקט אין אַ ווינקעלע העט וויים, אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט, שטייט זיך אָט די שטאָט עפּעס, ווי פאַרחאָסעמט, פאַרכאָלעמט, פאַרקישעפט און פאַרטיפט אין זיך זעלבסט, גלייך ווי מיט איר געהער זיך ניט אָן אָט דער גאַנצער טאַרעראַם מיטן האַרמידער, מיט דער לויפעניש, יאָגעניש, העצעניש, פרעסעניש איינס דאָס אַנדערע מיט די אַלע איבעריקע גוטע זאַכן, וואָס מענטשן האָבן זיך מאַטריאַך געווען צו באַשאַפן און צוגעטראַכט צו דעם פאַרשיידענע נעמען, ווי קולטור, פּראָגרעס, ציוויליזאַציע אוכעדוימע. אַזעלכע שיינע ווער־

* איך דערמאָן טערסטנטייל די דאָזיקע אויסגאַבע, ווייל זי איז מער בעקימצע איידער די ענלעכע פריערדיקע אויסגאַבע פון 1903 יאָר.

מעד, פאַר העלכע אַ רעכטער מענטש געמט אַראָפּ דאָס היטל מיט גרויס דערעבערעץ. קליינע, קליינע מענטשעלעך"...

פון די דאָזיקע אַלע געענדערטע און צוגעקומענע שטעלן איז שוין גלייך צו זעען, אַז איבעראַרבעטנדיק לעצטנס אָט די אַריינפיר־דערציילונג האָט שאָלעם־עליכעם פאַרלאָזן דעם פריערדיקן שילדעריש־נאַוועליסטישן אָביעקטיוון נוסעד און אַליין גענומען זיך דאָ דידאַקטיש אויסטייטשן דעם טיין פון זיינע דערציילונגען וועגן די קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השׂגות. צוליב דעם אַרויסגעוואָרפן אַפילו אייניקע ביז גאָר בילדערישע פאַרצייכענונגען, אַרויסגעוואָרפן אַפילו די באַ אונדז שוין לאַנג קלאַסיש געוואָרענע טייטע מיט די קאַסרילעווקער, וואָס גלויבן ניט אין אַ באַן און באַשליסן, אַז „עס וועט ניט אויסגעהאַלטן ווערן". שאָלעם־עליכעם האָט אַרויסגעוואָרפן די דאָזיקע זעלטענע כאַראַקטער־געשיכטע און אַריינגעשטעלט אַ מער מאָדערניזירטע און, דאַכט זיך, שוואַכערע טייטע מיט אַ קאַסרילעווקער, וואָס איז געפאָרן קיין מאָסקווע...

דאָס מאָדערניזירן איז ביכלאַל איינער פון די הויפּט־מאָטיוון, אַפּאָנעם, וואָס האָט אָנגעפירט מיט שאָלעם־עליכעמס פּען, בעשאַס ער האָט גענומען צום לעצטן מאָל איבעראַרבעטן זיינע „קליינע מענטשעלעך" און דערין אויך די אַריינפיר־דערציילונג „די שטאָט פון די קליינע מענטשעלעך". און אָט איז ווידער אַ פאַרגלייך־ביישפּיל.

אין דער יובילעום־אויסגאַבע פון 1909:

„וואָס איז זייער מועבר, זייער פּאַרנאָסע און פוּגוואַנען לעבן די דאָרטיקע לייט.

ערשטנס לעבן זיי ניט און צווייטנס, ווי אַזוי לעבן באַ אונדז אַלע ייִדן אין די קליינע שטעטלעך? אַביסל איינס פון אַנדערן און אַביסל שטאַרבט מען פון הונגער, מען שלאָגט זיך דורך מיט צאָרעס.

מען קאָן האָגן, אַז די גאַנצע שטאָט שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט אַ גאַנצע וואָך נאָר צוליב דעם איינציקן טאָג שאַבעס — און קומט שאַבעס, איז אַ קאַפּאָרע יעהופּעץ, אַ קאַפּאָרע אָדעס, אַ קאַפּאָרע אַפילו פּאַריז — ס'איז פיין און שיין און שטיל און רויק, ס'איז גוט און אָן עק!

מען זאָגט, אַז זינט קאַסרילעווקע איז אַ שטאָט האָט זיך נאָך ניט געטראָפן, אַז אַ ייִד זאָל דאַרט באַלילע ניט האָבן אַף שאַבעס: האָט ער ניט קיין פיש, האָט ער כאַלע, האָט ער ניט קיין כאַלע, האָט ער ברויט, האָט ער ניט קיין ברויט, לייט ער באַ יענעם, שפּעטער וועט דערפאַר יענער לייען באַ אים — ס'איז ניט מער, ווי אַ גמילעסכעסעד *, היינט איך באַ דיר, מאָרגן דו באַ מיר, צום סאָף יאָר וועלן מיר זיך אויסגלייכן אַלע...

אַזוי זאָגן די קאַסרילעווקער לייט, וואָס צו די צאָרעס זיינען זיי נאָך ווערטל־זאָגערס, גרויסע באַלהאַמצאָעס, פאַר אַ גלייכווערטל וועלן זיי אייך אַוועקגעבן, ווי מען זאָגט, דעם טאַטן מיט דער מאַמען".

די אַנטשפּרעכנדיקע טעקסטן פון דער ניויאָרקער אויסגאַבע:

„אָט אַזוי ווי איר זעט זיינען זיי אַלע, די קליינע מענטשעלעך, ניט קיין באַלמאָרעשכוירע, קיין פאַרזאָרגטע באַלעבעסלעך, אַדראַבע, זיי האָבן אַ שעם אַף דער וועלט פאַר גרויסע באַלהאַמצאָעס, ווערטלזאָגערס, לעבעדיקע פריילעכע נעשאָמעס, אָרעמע נאָר פריילעכע. עס איז שווער צו זאָגן, וואָס איז מיט זיי, אייגנטלעך, די גדולע? גאָר ניט. כיי געלעבט! געלעבט? אָנו

---

* אין דעם „יוד"־טעקסט גייט דאָ אַזאַ זאַץ: „ווי טיינער אַ באַקאַנטער זאָגט, בעשאַס ס'גייט אים ניט אין די קאָרטן און ער האַלט באַ פאַרשפּילן די לעצטע עטלעכע גילדנס". אינעם וואַריאַנט פון 1903 האָט שאָלעם־עליכעם דאָסדאָזיקע מיט רעכט אַרויסגעוואָרפן. אויסער דעם איז אין דעם „יוד"־וואַריאַנט געווען נאָך אַ ביישפּיל מיט אַ ציג מיט ייִדישע ווינשעניש, וואָס דערמאָנט אָן מענדעלעס שטעל פון „ווינטשפינגערל". די טייטע מיט רויטשילדן גייט אין דעם „יוד"־וואַריאַנט פאַר דער באַן־טייטע — און פון דער גאַנצער איבעראַרבעטונג אין דער אויסגאַבע פון 1903 לעגאַבע דעם „יוד" זעט זיך ביכלאַל דער וווּקס פון שאָלעם־עליכעמס קינסטלערישן געשמאַק און פאַרשטאַנד פאַר עכטער נאָוועליסטישער פאָרם.

פרעגט זיי, לעמאָשל, פון וואַנען לעבט איר? וועלן זיי אייך ענטפערן: „פון וואַנען מיר לעבן? אָט זעט-איר האָך, כאַ, כאַ, כאַ, מען לעבט“. און מערקווירדיק! ווען איר זאָלט זיי נים באַגעגענען, לויפן זיי, ווי די פאַרסאַמטע מייז, דער אַהער, דער אַהין און האָבן קיינמאָל קיין צייט נים. ווּהין לויפט איר? ווּהין מיר לויפן? אָט זעט איר דאָך, כאַ-כאַ-כאַ, מען לויפט, מען מיינט מאָמער וועט מען עפּעס כאַפּן פאַרדינען אַף שאַבעס.

פאַרדינען אַף שאַבעס — דאָס איז זייער א י ד ע אַ ל *. אַ גאַנצע וואָך וועלן זיי אייך אַרבעטן מיט בלוטיקן שווייס, האָרעווען, פאַרשוואַרצט ווערן, קייען די ערד, עסן מאַקעס, טרינקען קאַדאָכעס, אַבי ס'זאָל זיין אַף שאַבעס. און בעעמעס קומט דער ליבער שאַבעס — איז אַ קאַפּאָרע יעהופּעץ, אַ קאַפּאָרע אָדעס, אַ קאַפּאָרע אַפילע פּאַריז! מען זאָגט — און דאָס זאָל זיין אַ פּ אַ ק ט, — אַז זינט קאַסרילעווקע איז אַ שטאָט, האָט זיך נאָך נים געטראָפן, אַז אַ ייִד זאָל דאָרטן שאַבעס כאָלילע דאַרפן הונגערן, וואָרעם, ווי געשיקט זיך עס, אַז אַ ייִד זאָל נים האָבן קיין פיש אַף שאַבעס? האָט ער נים קיין פיש, האָט ער פלייש, האָט ער נים קיין פלייש, האָט ער הערינג, האָט ער נים קיין הערינג, האָט ער כאַלע, האָט ער נים קיין כאַלע, האָט ער ברויט מיט ציבעלע, האָט ער נים קיין ברויט מיט ציבעלע, לייט ער באַם שאָכן, איבעראַכטאָג שאַבעס וועט דער שאָכן לייען באַ אים — „די וועלט איז אַ רעדל און עס דרייט זיך“... אַזוי זאָגט ער זיך אַ גלייכווערטל און באַווייזט מיט דער האַנט, ווי דאָס רעדל דרייט זיך.. באַ די קליינע מענטשעלעך, אַז עס קומט צו אַ גלייכווערטל, איז גאָר נים שייעך, פאַר אַ גלייכווערטל וועלן זיי אייך אַוועקגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען. די וועלט דערציילט זיך אָן פון זיי אַזעלכע מייסעס, וואָס זעען אויס, ווי אַנעקדאָטן, נאָר מען קאָן זיכער זיין, אַז דאָס זיינען לויטער פּ אַ ק ט ן“.

פאַרגלייכנדיק די ביידע טעקסטן זעט מען שוין, אַז אויב שאָלעמאַלייכעם האָט אין דעם לעצטן וואַריאַנט, דערציילנדיק ווי די ייִדן לייען איינער באַם צווייטן, אויסגעמיטן די ווערטער „ס'איז נים מער ווי אַ גמילעסכעסעד“, בּיכדיי צו נים קאָפּירן, אַפּאָנעם, מענדעלע מויכער-ספאָרים — אַגעוו פון „בּיניאָמין האַשלישי“ טאַקע, וואָס וועגן זיין ווירקונג איז פריער גערעדט געוואָרן — איז אָבער צוזאַמען דערמיט זעט מען בעבוש, ווּהין שאָלעמאַלייכעם האָט אין זיין לעצטער באַאַרבעטונג אַ צי געטאָן ביכלאַל דאָסדאָזיקע ווערק. אָנשטאָט אַ מאָנאָלאָג פ ו ן אַ קאַסרילעווקער איז עס געוואָרן מייסטענס אַ מאָנאָלאָג ו ו ע ג ן אַ קאַסרילעווקער, אַ אויסטייטשערישער מאָנאָלאָג, וואָס האָט אָנגעוואָרן דעם כיין פון אַ נאַיִוון פּרימיטיוו און פאַרשוווּנדן דעריבער מיט מעכאַבערשע פּרעטדאַרטיקייטן, ווי: אידעאַל, פאַקט, אַנעקדאָט, קולטור, פּראָגרעס, ציוויליזאַציע...

און אַפילע די באַוווּסטע מייסע מיטן ייִדן, וואָס פאָרט צו ראָטשילדן קיין פּאַריז, האָט שאָלעמאַלייכעם דאָ אין דער לעצטער אויסגאַבע איבערגעשריבן אַזוי, אַז ס'איז געוואָרן אויס מייסע פון אַ ייִדן, נאָר אַ מייסע ו ו ע ג ן אַ ייִדן. דער כילעק פון דעם ערשטן וואַריאַנט ביז דעם לעצטן וואַרפט זיך אין די אויגן.

אין דער אויסגאַבע פון יוביליעום-קאָמיטעט 1909:

„מען דערציילט אַ האַמצאָע פון אַ קאַסרילעווקער, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַף דער וועלט און האָט זיך פאַרשלעפּט צו ראָטשילדן קיין פּאַריז. האָט מען דאָך אים מיסטאָמע גיט צוגעלאָזט, ווי דער שטייגער איז פון די גרויסע געגידים: „דאָמאַ ניעט“ — ניטאָ מיך אין דער היים — און גיי הייסט עס לאָך מיך“. אַ קאַסרילעווקער אָבער שרעקט זיך נים איבער פאַר אַזעלכע זאַכן, איז ער זיך מעיאַשעוו און מאַכט צום שוימער, וואָס באַ דער טיר:

— וואָס טויג מיר אייער „דאָמאַ ניעט“? איר גייט זאָגט ראָטשילדן, אַז איך האָב אים געבראַכט דאָס אייביקע לעבן“.

---

* אונטערגעשטראָכן אומעטום פון מיר י. ד.

אין דער ניויאָרקער אויסגאַבע:

„לעמאָשל, מען דערציילט פון איינעם אַ קאַסרילעווקער באַלעבאָס, וואָס ס'איז אים נימעס געוואָרן צו הונגערן אין קאַסרילעווקע, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן איבער דער וועלט זוכן גליק, געוואָרן אַ י ן עמיגראַנט און האָט פאַרבלאָנדזשעט אַזש קיין פּאַריז. האָט ער מיסמאַמע זייער בייזשעק געהאַט דערשלאָגן זיך צו רויטשילדן, וואָרעם, ווי איז דאָס אַ ייִד אין פּאַריז און מען זעט זיך ניט מיט רויטשילדן? איז אָבער אַ ביסאָרן — מען לאָזט ניט צו. וואָס איז די מייסע? „אַ צעריסענע קאַפּאָטע". כאַכאָמים איר זייט? — טײַנעט דער ייִד, איך זאָל האָבן אַ גאַנצע קאַפּאָטע, װעלכע גוטע יאָר וואָלט איך געפאָרן קיין פּאַריז? האַקיצער — ס'איז ניט גוט. אַ קאַסרילעווקער ייִד אָבער פאַלט באַ זיך ניט אַראָפּ און גיט זיך אַן אייצע. ער איז זיך מעיאַשעט און רופט זיך אָן צום שוימער, וואָס באַ דער טיר: גיי זאָג דעם פּאָרעץ, אַז צו אים איז געקומען כאָלילע ניט קיין שנאָרער, נאָר אַ ייִד אַ סויכער, וואָס האָט אים געבראַכט צו פירן אַזאַ מין אַרטיקל, וואָס מען קריגט דאָס ניט דאָ אין פּאַריז פאַר כל הון דעלמא".

אָנשטאָט דעם „קאַסרילעווקער" פונעם ערשטן וואַריאַנט — סטאַט אַ ייִד, איינער פון דער קאַסרילעווקער אוילעמהאַטויע-וועלט, „וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַף דער-וועלט און האָט זיך פאַרשלעפּט צו רויטשילדן קיין פּאַריז" — טײַטשט שוין אויס שאָלעמאַליכעם אין זיין לעצטן וואַריאַנט, אַז ס'איז געווען אַ קאַסרילעווקער באַלעבאָס, אַן עמיגראַנט אַפילע, אַ ייִד אַ סויכער, וואָס האָט דאָס אייביקע לעבן „געבראַכט צו פירן אַף צו פאַרקויפן". און אַרויסוואַרפנדיק דערביי דעם געראָטענעם „דאָמאַ ניעט — ניטאָ מיך אין דער היים", וואָס כאַראַקטעריזירט אַזוי זעלטן די באַציונג פונעם קאַסרילעווקער צום נעגידישן רוסיש ריידן, איז שאָלעמאַליכעם דאָ פאָרט אויסן געווען מאָדערניזירן אָט דעם גאַנצן עפּיזאָד, דערלאַנגען אים דעם „אייראָפּעישן" לייענער, און ווילנדיק ניט ווילנדיק איז ער מאַקע באַ אים געוואָרן מער אַנעקדאָט אײַדער שײַנער קינסטלערישער געדאַנק, וואָס שפּיגלט אָפּ אַ קליינהאַסאָגעדיקן אויסקוטעניש פון אַ שטעטל, וועלכער לעבט מיט דער אויסגעלײַדיקטער מיטלאַלטערלעכער ירושה פון אַ פשעטל און האַמצאָע.

„מען דערציילט אַ האַמצאָע פון אַ קאַסרילעווקער" — און אַזוי האָט מאַקע שאָלעמאַליכעם אָנגעהויבן די געבראַכטע שטעל פונעם ערשטן וואַריאַט, און אינעם לעצטן וואַריאַנט האָט ער דאָסדאָזיקע צוליב עפּעס אַרויסגעוואָרפן און אָנגעהויבן אַפילע דעם זאַץ מיטן פובליציסטישן „לעמאָשל"...

צום סאָף פון דער דערציילונג האָט שאָלעמאַליכעם אין דער לעצטער אויסגאַבע צוגעשריבן גאַנצע צוויי זײַטלעך וועגן קאַסרילעווקער בייסאַלמען, — שיינע, אָבער זײַטיקע צוויי זײַטלעך, וואָס מאַכן נאָך מער דעמדאָזיקן אַריינפיר צו די קליינע מענטשעלעך פאַר אויסנאָוועלע, ס'ווערט אַ מין מעכאַבערשע אויפקלערערישע האַקדאָמע מיט אַ ווענדונג אַפילע באַם ענדע, אַ ווענדונג צום לעזער מיט אַ נאַציאָנאַלן, קאָן מען זאָגן, ביינעשמאַק.

„אויב איר זייט נאָך ניט געווען (אַפן קאַסרילעווקער בייסאַלמען, הייסט עס) טוט צוליב און גייט זיך דורך צו זיי „אַפן פעלד", לייענט איבער די אַלטע שטאַרק אָפּגעריבענע אויפשריפטן אַף די האַלב איינגעפאַלענע מאַציידעס, וועט איר געפינען אין זיי אַ שטיק געשיכטע פון אַ גאַנצן פאָלק"...

אַזוי ווייט איז דאָס בעכאָל אויפן פון דער ערשטער עבט קאַסרילעווקער האַקדאָמע, וואָס איז בעצעס אויך אַ דערציילונג, אַ מאָנאָלאָג פון אַ קאַסרילעווקער מאַקע. איז דאָך קלאָר, אַז אין דעם ערעך, וואָס שאָלעמאַליכעם האָט דידאָזיקע דערציילונג צוליב דער לעצטער אויסגאַבע איבערגעאַרבעט מיט גאָר נייע, אַפּאָנעס, קינסטלערישע קאַוואָנעס, האָבן מיר און מיר מוזן זיך רעכענען מיט דעם פאַקט פון צוויי גאָר באַזונדערע וואַריאַנטן אַף דערזעלבער טעמע. מיר פאַרמאָגן, הייסט עס, צוויי באַזונדערע אַריינפיר-דערציילונגען צו דער סעריע „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס".

פון די איבעריקע דערציילונגען, וואָס געהערן צו דער סעריע, זיינען אויך איניקע רעכט איבערגעאַרבעט, האָטש ניט אַזוי גרינטלעך, אָבער דאָך — אין דער ערשטער ריי — די דערציילונג „פאַרבענקט אַהיים“ און דער מאָנאָלאָג „ווען איך בין רויטשילד“ האָבן אין דער לעצטער אויסגאַבע באַקומען די ענדערונגען, וואָס שטאַמען אויך, ווי מיר דאַכט, פון שאָלעמאַלייכעמס אַ נייעם ניט בלויז סטיליסטישן צוגאַנג צו זיינע אייגענע ווערק.

III

וועגן „פאַרבענקט אַהיים“. אין דעהדאָזיקער דערציילונג האָט שאָלעמאַלייכעם, ווי ס'איז צו זען פון דער ניויאָרקער אויסגאַבע, געמאַכט גראַד היפּשע אויסשניטן. ס'איז דאָ אַרויסגעפאַלן קוידעמקאָל אַ שטיק פונעם אָנהויב, די שטעל, ווו שאָלעמאַלייכעם דערקלערט, פאַרוואָס האָבן די קאַסרילעווקער שפּעט דערוווּסט זיך פון ציאָניזם, אַ שטעל, וואָס פאַרנעמט אַ דרייסיק שורעס אין דער פריערדיקער וואַרשעווער אויסגאַבע פון 1909. און האָטש שאָלעמאַלייכעם איז דאָ אויסן געווען, צו גלויבן, בלויז אַ רעדאַקציאָנעלע אויסבעסערונג, אָבער דאָך זיינען דערביי אַרויסגעפאַלן עטלעכע שיינע כאַראַקטעריסטישע פאַרצייכענונגען. אַשטייגער:

„טכילעס האָט ניט יעדערער פאַרשטאַנען, וואָס איז דער טייטש „ציאָניזם“. ציאָניזם, ציאָניזם, קאַרג ווערטער פאַראַן באַ אונדז, וואָס ווערן ניט איבערגעזעצט אין אונדזער לאָשן און פונדעסטוועגן — גאָרנישט? לעמאָשל, נעמט אונדזער כומעש, ווי מען לערנט באַ אונדז אין כיידער: קרבן — אַ קאָרבן, מזבח — מיזבייאַך, משפט — אַ מישפּעט, גנב — אַ גאַנעוו, זונה — אַ זוינע, בהמה — אַ בעהיימע“ *.

אָדער:

„די קאַסרילעווקער ייִדן ווייסן באָרעכאַשעס קיינמאָל ניט, ווו זיי זיינען אין דער וועלט. זען ניט דער לואַר, וואָס האַלט זיי אַף די פיס, האָלטן זיי לאַנג אָנגעשפּאַרט גאָט וויסט וווּ“...

שאָלעמאַלייכעם שער איז, ווי איך מיין, צו שטרענג באַגאַנגען זיך מיט אָט די אַלע ערטער, וואָס גרייטן צו דעם לעזער צו דער קאַסרילעווקער אוילעמהאַטויע-וועלט, צו דעם אַרט דענקען און באַנעמען, וואָס שטייט בעעצעם אויסער צייט און רוים און איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר קאַסרילעווקער באַציִונג צום ציאָניזם, אַ אידייע, וואָס ציט איר כיונע אין טאָך פון דער גרויסער באַלעבעסלדיקער וועלט-קאַסרילעווקע...

נאָך שטרענגער איז זיך שאָלעמאַלייכעם באַגאַנגען מיט דער זעלטענער קלאַסישער בערדע פון גויטער רעב יאָסלס, דעם פּרעזידענט פון די קאַסרילעווקער ציאָניסטן. פון דערדאָזיקער גרעסערער רעדע איז אין דער ניויאָרקער אויסגאַבע געבליבן בלויז אַ שטיקל פונעם אָנהויב און פונעם סאָף, געבליבן קימאַט ניט מער, ווי אַ דריטל. און אין דער רעדע איז דאָך יעדער זאַץ בעפּיירעש אַ שטיק קונסט, יעדער זאַץ שפּיגלט אָפּ זעלטן די באַלעבעסלדיק-ציאָניסטישע האָמילעטיק, די רעדע-קונסט, וואָס באַשטייט אַדהייעס נאָך פון אַ געדאַנקלעכן מיש-מאַש, ווו ס'באַהעפטן זיך ביבל-פּסוקים מיט „וויסנשאַפט“, ס'פּאָרן זיך „אַפּאַלאָן, סאָקראַטעס און די היינטיקע ספּינאָזע, באָקל, ספּענסער, שלאָסער אוכעדוימע“... און פון יעדער שורע קוקט אַרויס די נאַיווע באַטלאָנעס פון דער ציאָניסטישער „אינטעליגענטישער“ קאַסרילעווקע, וואָס בלעטערט געשיכטע, זוכט „אַלטע און נייע ספאָרים און ברענגט ראייעס פאַרן ציאָניזם פון דרעפערן און פון די אומעס, וואָס זיינען „פאַראַן אין דאַווענען, די קיי און שפּיי, די פלאַטוויצע האָמורי והחוי והפריזי והגרגשי“...

* אין דעם „יוד“-וואַריאַנט קומט דאָ ווייטער אַן אַריינשטעל: „ווי מיין רעבע רעב נאַיאַך פּלעגט זאָגן און מאַכן כויזעק פון די היינטיקע מיט זייער שפּראַך: „ציבעלאַזאַציע, קרנצעפּאַליע מיט שמאַלץ“... אָנקוקן האָט ער ניט געקאָנט די היינטיקע ווערטער: „ברונעטקע“, „דעפּיציט“ און „קאַזיאָנער ראַבינער“ א. א. וו. דאָסדאָזיקע און אויך אַ לאַנגן זייטיקן סיפּערהאַמייסע וועגן דעם, ווי שטייט דער סעקרעטאַר האָט אַוועקגעשיקט אַ קאָרעספּאָנדענציע אין אַ רעדאַקציע — דאָס אַלץ האָט שאָלעמאַלייכעם אַרויסגעוואָרפן אין דער ערשטער אויסגעבעסערטער אויסגאַבע פון 1903 יאָר, און מיט רעכט אַרויסגעוואָרפן.

איז אַט דיזאָזיקע דענקמאָלערישע, קאָן מען זאָגן, מוסטער־רעדע האָט שאָלעמאַליכעם אין דער לעצטער אויסגאַבע אַרויסגעוואָרפן אַף דריי פערטל, בעקיוון אַפּאָנעם, פאַרקירצט דאָס ספּעציפישע קליינשטעטלדיקע אַלטוואַרג, געוואָלט, ווי ס׳ווייזט אויס, מאָדערניזירן זיינע „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השׂגות“, געוואָלט דערלאַנגען זיי אַף אַ צוגעגנגלעכן אויפן פאַרן נייעם „אייראָפּעישן“ לייענער. אָבער ס׳איז אָן שום ספק אַ שאָד, וואָס פאַר אונדזער לייענער וועט אין דער לעצטער אויסגאַבע פעלן אַ שטיק געשאַפענע קאַסרילעווקע פון שענסטן קינסטלערישן און אידעאָלאָגישן באַטייט, וואָס שאָלעמאַליכעם האָט באַשאַפן.

די מאָדערניזירונג האָט באַשיינפערלעך אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין די ענדערונגען, וואָס שאָלעמאַליכעם האָט לויט דער ניו־יאָרקער אויסגאַבע אַריינגעטראָגן אין דעם באַרימטן מאָנאָלאָג „ווען איך בין ראָטשילד“, דאָ איז אַפּילע צו זעען די ווירקונג, וואָס שאָלעמאַליכעם דער פאַרלייענער פון זיינע אייגענע ווערק האָט געהאַט אַף שאָלעמאַליכעמען דעם שרייבער.

„ווען איך בין ראָטשילד“ האָט אין דער ניויאָרקער אויסגאַבע באַקומען אַן אונטערקעפּל — „אַ מאָנאָלאָג פון אַ קאַסרילעווקער מעלאַמעד“ — און באַקומען אויך צוויי טעאַטראַלע רעמאַרקעס. אין איין אָרט: „ער שמעלט זיך אָפּ“ און אין אַ צווייטן: „פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע“*. מאַשמאָעס, אַז שאָלעמאַליכעם האָט לעצטנס געהאַט אין זינען די סצענישע אויספירונג פונעם דאָזיקן מאָנאָלאָג און דערביי צוליבן נייעם צוהערער באַנייט און אָפּגעפרישט, אַזוי צו זאָגן, די טעקסטן, אומגעביטן דעריקער די שטעלן, ווו ס׳ווערן באַשריבן לעבנספּראָטים, עטנאָגראַפישע אַזויגע שילדערונגען, וואָס שפּילן אָפּ ספּעציפישע אָרט און צייט, ווען דאָס ווערק איז באַשאַפן געוואָרן.

צום ביישפּיל.

אין דער װאַרשעװער אויסגאַבע פון 1909:

„די מילכאָמע דאָס איז, הערט איר, גאָר אַ שׂימחע פאַר דער וועלט! ווען איך בין ראָטשילד, מאַך איך אויס מילכאָמע, אָבער מאַקע לאַבלומן אויס!

ווערט איר דאָך פרעגן, ווי אַזוי? נאָר מיט געלט. איך וועל אייך געבן צו פאַרשטיין, ווערט איר פאַרשטיין. לעמאָשל, אָט האָט דער ענגלענדער זיך גענומען צו די בוירן, פאַרוואָס? פאַר ווען? ער וויל צונעמען באַ זיי דאָס גאָלד... צי אַשטייגער, אָט דערציילט מען, אַז די דייטשן מיט די פראַנצויזן מיט די איבעריקע דאָרט האָבן זיך צוגעזעצט צו קיטוי מיט אַ קאַנטשיק אין האַנט און ווילן אים לערנען דערעכבערעץ, ער זאָל זיך אָפּשערן דאָס צעפּל און אָנטאָן הויזן,— וואָס אַרט דאָס אייך? יעגער וויל זיך דאַפקע גיין מיט אַ קליידל און דאַפקע מיט אַ צעפּל, לאָז ער זיך זיין געזונטערהייט אַפּילע מיטן קאָפּ אַראָפּ מיט די פיס אַרויף, וועמענס אייסעק איז דאָס? צי אַשטייגער נעמט דעם טערק מיט דער רויטער יאַרמעלקע, וואָס האָט מען צו אים, וואָס מע וויל זיך מיט אים צעטיילן?...

און וויבאַלד מען שמועסט לאָשן טיילן זיך, וויל דאָך איטלעכער דאָס בעסטע שטיקל, דער זאָגט: „נעמט אייך סטאַמבול און גיט מיר באָספאָר“ און דער זאָגט: „נעמט אייך סטאַמבול און גיט מיר באָספאָר“, קומט צו גיין אַ דריטער און זאָגט: ווייסט איר וואָס? שלאָגט אייך ביידע קאָפּ אָן וואַנט מיטן סטאַמבול און מיטן באָספאָר, אַבי לאָז איך מיר פאַרנעמען די דאַרדאַנעלן?... ווערט אַ וואַיצאַקו — דאַרדאַנעלן? וואָס הייסט, מ׳יר וועלן אייך לאָזן פאַרנעמען די דאַרדאַנעלן? די דאַרדאַנעלן זיינען אַ „רעשוס האַראַבים“, אַלעמענס דאַרדאַנעלן... בעקיצער, דאַרדאַנעלן אַהער, דאַרדאַנעלן אַהין — מען דאַרדאַנעלט אַזוי לאַנג, ביז מען הויבט

* און האַגאַס אין „יוד“־וואַריאַנט זיינען אויך פאַראַן אייניקע ענלעכע שורעס, וואָס זיינען גענומען אין קלאַמערן, אָבער אין „יוד“ טראָגן זיי נוט קיין כאַראַקטער פון רעמאַרקעס, נאָר פון געוויינלעכע פאַרקלאַמערטע באַמערקונגען. און דערפאַר האָט זיי שאָלעמאַליכעם אַרויסגעוואָרפן, בעשאַס ער האָט אין דער אויסגעבעסערטער אויסגאַבע פון 1903 צוגעגעבן דעם מאָנאָלאָג אַ מער שלימעסדיקן, ווי געזאָגט, נאַטוראַליסטישן כאַראַקטער.

אָן שיסן פון האַרמאַטן, און מענטשנס בלוט גיסט זיך, ווי וואַסער און רינט טייכנווייז אין יאַם אַריין, אַט האָט איר אייך דאַרדאַנעלן...

אָבער, אַז איך קום צו זיי און זאָג: שאַ, ברידערלעך, לאָזט אייך דינען, און וואָס נייט דאָ באַ אייך, אייגנטלעך, דער גאַנצער סיכסעך? איר מיינט דען די האַגאָדע? איר מיינט דאָך די פּאַלירטשיקעס! אַ מער נאַט אייך אַ מיליאַרד, נאַט אייך אַ מיליאַרד! נאַט אייך צוויי מיליאַרד! גאָט וועט אייך העלפן, וועט איר מיר אויסצאָלן“!..

און צום פאַרגלייך — דאָסזעלבע אין דער ניויאָרקער אויסגאַבע פון 1923:

„אָי די מילכאָמעס, די מילכאָמעס! דאָס איז, הערט איר, נאָר אַ שכיטע אָף דער וועלט! ווען איך בין ראָטשילד, מאַך איך אויס מילכאָמעס, אָבער טאַקע לאַבלוטן אויס!

.. וועט איר דאָך פרעגן: ווי אַזוי? נאָר מיט געלט. דעהייגע: איך וועל עס אייך געבן צו פאַרשטיין מיט אַ מייבל. לעמאָשל, צוויי מעלוכעס צעאַמפּערן זיך איבער אַ נאַרישקייט דאָרט, אַ שטיקל ערד, וואָס איז ווערט אַ שמעק טאַבעק, טעריטאָריע, הייסט עס באַ זיי. די מעלוכע זאָגט, אַז די טעריטאָריע איז איר טעריטאָריע, און די מעלוכע זאָגט: „ניין, ס'איז מיין טעריטאָריע“. מששת ימי בריישית, הייסט עס, האָט גאָט באַשאַפן אָט דאָס שטיקל ערד פון איר קאָוועד וועגן. קומט צו גיין אַ דריטע און זאָגט, איר זייט בעהיימעס, די טעריטאָריע איז אַלעמענס טעריטאָריע, אַ רשות הרבים, הייסט עס, האַקיצער, טעריטאָריע אַהין, טעריטאָריע אַהער, מען טעריטאָריעט אַזוי לאַנג, ביז מען הויבט אָן שיסן פון האַרמאַטן און מענטשן קוילן זיך איינס דאָס אַנדערע, ווי די שאָף, און בלוט גיסט זיך אַזוי, ווי וואַסער.

אָבער, אַז איך קום צו זיי לעבאַטבילע און זאָג: שאַט, ברידערלעך, לאָזט אייך דינען, — און וואָס גייט דאָ באַ אייך אייגנטלעך דער סיכסעך? מען פאַרשטייט דען נים אייער מיין? איר מיינט ניט אַזוי די האַגאָדע, ווי די קניידלעך. טעריטאָריע איז דאָך באַ אייך נאָר אַן אויסרייד. דעריקער איז דאָך באַ אייך יענע מייסע פּעמי, מעמי, קאָנטריבוציע — און וויבאַלד לאָשן קאָנטריבוציע, צו וועמען קומט מען מיט אַ האַלוואָע? צו מיר, צו ראָטשילדן, הייסט עס. אַ מער, ווייסט איר וואָס? נאַ דיר, ענגלענדער מיט די לאַנגע פּיס און מיט די קעסטלדיקע הויזן, אַ מיליאַרד! נאַ דיר, נאַרישער טערק מיט דער רויטער יאַרמעלקע, אַ מיליאַרד! נאַ דיר, רייזל, אויך אַ מיליאַרד, טימאָנאַפּשער וועט אייך גאָט העלפן, וועט איר מיר אָפּגעבן מיט פּראָצענטן, ניט כאָלילע קיין גרויסן פּראָצענט, פיר אָדער פינף לשנה, איך וויל אָף אייך ניט רייך ווערן“.

פון דעמדאָזיקן פאַרגלייך פון די ביידע טעקסטן, ווערט מער אָדער ווייניקער קלאָר דער גרונט-אויפן פון שאָלעמאַלייכעמס איבעראַרבעטונג. ס'ווערט קלאָר, אַז שאָלעמאַלייכעם איז אויסן געווען אַריבערפירן דעם מאָנאָלאָג אָף אַ מער נייעם און אַלגעמיינעם פלאַך, אַזוי צו זאָגן. אָנשטאָט דעם קאָנקרעטן עטנאָגראַפישן פּראָט, אָנשטאָט די „דאַרדאַנעלן“, פון וועלכע דער קאַסרילעווקער האָט בעשייטוו געהערט און געוווּסט, האָט אים שאָלעמאַלייכעם איינעם נייעם וואַריאַנט באַפוילן ריידן וועגן טעריטאָריע סטאַם, און אַפילע וועגן קאָנטריבוציע. צוגלויבן, אַז צוליב דער מאָדערנער אַודיטאָריע, פאַר וועלכער שאָלעמאַלייכעם האָט שפּעטער אַזוי אָפט געלייענט דאָסדאָזיקע ווערק, צוליב די מאָדערנע צוהערער האָט ער בעפיירעש טאַקריוו געהען די קינסטלערישע שליימעס פונעם דאָזיקן קאַסרילעווקער מעלאַמעד, וואָס דאַרף און קאָן נאָר גיין פון פּראָט צום קלאַל און ניט פאַרקערט. דער צו-קלוגער מעלאַמעד פונעם לעצטן וואַריאַנט איז שוין אַדעראַבע צו לעקשעוואַטע אָדער צו בעקיוונדיק און רעדט דערפון, וואָס דער מעכאַבער שאָלעמאַלייכעם ווייסט. בעשאַס אָבער ווען ער רעדט וועגן די כיינעוודיק פאַרהיימישטע דאַרדאַנעלן, גייט ער אַרויס פון אַ פאַקט, וואָס האָט געוויס אין זיין צייט אויפגערודערט די קאַסרילעווקער „פּאָליטיקער“ און דערין אויך דעמדאָזיקן מעלאַמעד, וואָס איז דערפון געקומען צו די זייגיקע, פאַרגראָטעסקירטע דורך שאָלעמאַלייכעמען, נאַיווע אַנטימיליטאַריסטישע אויספירן.

אָבער ס'האָט עפּעס געצויגן שאָלעמאַלייכעמען, אַפּאָנעם, מאַכן אים פּאַר אַ הײנטוועלטיקן, אָט דעם קאַסרילעווקער מעלאַמעד, פאַרבײטן אים דאָס וואָרט „ווכער“ אַף „פּראָצענט“ און אַרײנלײגן אים אין מויל אַפּילע אַ ווונטש וועגן „אַ יידישער אַקאַדעמיע“, בעשאַס ער טרוימט. אַז אַף זײנע געלט וועט ער מאַכן: „מען זאָל לערנען כומעש מיט ראַשי מיט געמאָרע, מיט טויספעס, מיט מאַרשאָ, מיט אַלע שעווע כאָכמעס, מיט אַלע שיווים לאָשן. און אַף אַלע יעשיוועס זאָל זײן אײן יעשיווע אַ גרויסע, אַ יידישע אַ ק אַ ד ע מ י ע, אין דער ווילנע געוויינטלעך“. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די „יידישע אַקאַדעמיע“ איז צוגעשריבן בלויז אין דער לעצטער אויסגאַבע, אין די פריערדיקע צווײ וואַריאַנטן פון „יוד“ און פון 1909—1903 אויסגאַבן איז ניט בעגימצע אָט די בעפּיירעשדיקע פרעמהאַרטיקײט.

„ווען איך בין רויטשילד, אַי ווען איך בין רויטשילד, טרעפט וואָס איך טו?“ — אַזוי הויבט זיך אָן דער מאָנאָלאָג אין דער וואַרשעווער יובילעום-אויסגאַבע, און אינעם לעצטן ניו-יאָרקער וואַריאַנט ווערט אָט דער אָנהויב פאַרלענגערט:

„ווען איך בין רויטשילד — .האָט זיך צעלאָזט אַ קאַסרילעווקער מעלאַמעד אײנמאָל אין אַ דאָנערשטיק, בעיים די רעבעצן האָט אים געמאָנט אַף שאַבעס און ער האָט ניט געהאַט — אַי ווען איך בין רויטשילד, טרעפט, וואָס איך טו“.

און אינטערעסאַנט איז, וואָס אָט דער זעלבער אַרײנשטעל, נאָך אַ לענגערער, איז פאַראַנען אין דעם ערשטן „יוד“-וואַריאַנט, אָבער דאָס, וואָס שאָלעמאַלייכעם האָט אים אַרויסגעוואָרפן אין דעם צווייטן „רעכט אויסגעבעסערטן“, וואַרשעווער וואַריאַנט, איז אַ סימען, אַז ער האָט אים דערפילט איבעריק, בעשאַס ער איז אויסן געווען צוגעבן די קאַסרילעווקער מאָנאָלאָגן אַ ריין נאָוועליסטישן כאַראַקטער. אויבגעשטעלט האָט ער דעמהאָזיקן אַרײנשטעל ווידער אין דעם דריטן ניו-יאָרקער וואַריאַנט, אָבער דאָ טראָגט ער שוין דעם כאַראַקטער פון אַ מין אינעהייגיקסטער סצענישער רעמאַרקע, וואָס ניט שוין, ווי מיר דאַכט, די פאָרלייענערישע ציל-ווענדונג פאַר די אַלע ווייטערדיקע ענדערונגען אין דעמדאָזיקן וואַריאַנט.

דאָסזעלבע איז אויך מיטן מאָנאָלאָג „קײן אײנהאָרע ניט“, דערדאָזיקער מאָנאָלאָג הויבט זיך אָן —

אין דעם „יוד“ פון 1902, נומער 4:

„ווי איר זעט מיך אָטאָ — דערציילט אונדז אַ קאַסרילעווקער באַלעגאָלע, זיצנדיק אַף דער קעלניע מיטן פּאָנעם צו אונדז אין בויד אַרײן און די פערדלעך טיאָפּקען אין דער בלאָטע — ווי איר זעט מיך אָטאָ בין איך מיר קײנײנהאָרע אַ באַלעגאָלע מיט קײנײנהאָרע צווײ פערדלעך“.

אין די אויסגאַבן פון 909—1903:

„ווי איר זעט מיך אָטאָ בין איך קײנײנהאָרע אַ ייד אַ באַלעגאָלע מיט קײנײנהאָרע צווײ פערדלעך אײנענע“...

אין דער ניו-יאָרקער אויסגאַבע:

„ווי איר זעט מיך אָטאָ — מאַכט צו אונדז אַ קאַסרילעווקער באַלעגאָלע, וואָס האָט זיך אויסגעדרייט צו אונדז אין דער בויד אַרײן, און די פערדלעך מיטן וואָגן האָט ער געלאָזט אַף גאָטס באַראָט — ווי איר זעט מיך אָטאָ בין איך מיר אַ ייד מיט קײנײנהאָרע צווײ פערדלעך אײנענע“...

הייסט עס, אַז שאָלעמאַלייכעם האָט זיך דאָ אויך אומגעקערט ווידער צום נוסעך פונעם ערשטן וואַריאַנט, כּיכדיי דער אָנהויב זאָל גלייך אַרײנפירן אין קאָן דעם פאָרלייענער פונעם מאָנאָלאָג. זײנען טאַקע אין דער לעצטער אויסגאַבע אַרײנגעבראַכט אײניקע אַזוינע לענגערע אויספיטשעטשיטע צוגאָבן, מינע רעמאַרקעס, וואָס שטרייכן אינגאַנצן אונטער, אַז דער מאָנאָלאָג „קײנײנהאָרע ניט“ ווערט שוין באַשטימט פאַר סצענישע פאָרלעזונגען, דער מאָנאָלאָגיסט ווערט דאָ, דעריקער, דער פאָרלייענער, ווײלבער דערציילט אין נאָמען פונעם באַלעגאָלע, און ניט דער קאַסרילעווקער באַלעגאָלע גופע, ווי אין דעם צווייטן נאָוועליסטישן, ווי איך מיין, וואַריאַנט.

אין דער לעצטער אויסגאַבע פונעם „קיינײנהאָרע ניט“ האָט שאָלעמאַליכעם אריינגעבראַכט אַפילע אַן אינטערעסאַנטן, שוין ריין טעאַטראַלן צוגאָב, דאָרטן, ווו דער באַלעגאָלע דערציילט וועגן זיין טילים-זאָגן:

„און אַז מען טריגקט אויס אַ קוואָרט עפּלקוואַס קיינײנהאָרע און מען פאַרבייסט מיט באַרלעך-צימעס, נעמט מען זיך צום טילים און מען רייבט קיינײנהאָרע געשמאַק איין קאַפּיטל נאָכן אַנדערן: זיי פליען קיינײנהאָרע די קאַפּיטלען, ווי די ווערסטן אַפן גרויסן טראַקט איינס נאָך דאָס אַנדערע, איינס נאָך׳ האָט אַנדערע... טפּררו! — מאַכט דער קאַסרילעווקער באַלעגאָלע“ א. א. וו.

אַזוי איז אין די ערשטע וואַריאַנטן, און אין דעם לעצטן וואַריאַנט ווערט אָט דער איבערגאַנג צום „טפּררו“ פאַרלענגערט אַף אַזאַ אויפן:

„...איינס נאָך דאָס אַנדערע אָן אַ פּאָפּאַס, וואַרעם, ווי איר זעט מיך, כאָטש אַ באַלעגאָלע, גיט באַ מיר קיינײנהאָרע דער טילים, ווי אַ מיזמער, האַלעווײַ האָלטן אַזוי מיינע מאַמזיירים געקאָנט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר נאָך טאַטע-מאַמע אַ רועך אין זייער טאַטער און מוטער אַריין... „טפּררו, איינגעזונקען זאָלט איר ווערן“ — אַזוי האָט אויסגעלאָזט פּלוצים דער קאַסרילעווקער באַלעגאָלע... א. א. וו.

אָט דער גאַנצער אַריינשטעל איז דאָ קלאָר געמאַכט צוליבן „אַ רועך אין זייער טאַטער און מוטער אַריין“, וואָס דאַרף טעאַטראַל אויסגעפירט ווערן באַם לייענען, אַזוי אַז דאָס זאָל זיך באַציען סיי צו די קינדער, סיי צו די פערד — אַ גוט שפּילעוודיק לייען-טיטל. און דאָך — דערמיט אַליין, קאָן זיין, וואָס שאָלעמאַליכעם האָט בוילעט געמאַכט דאָס סצענישע פּאָנעם פון אייניקע מאָנאָלאָגן, דערמיט אַליין האָט ער אין אַ באַוווסטן פראַט פאַרטונקלט דעם גוטיקן מעהאַלעך, וואָס טיילט אונדז אַפּ פון דידאָזיקע קאַסרילעווקער פאַרשוינען. און סיי דער באַלעגאָלע פונעם „קיינײנהאָרע ניט“, סיי דער מעלאַמעד פון „ווען איך בין רויטשילד“ גייען שוין דערמיט גופּע אַרויס פון זייער ווייט-ווייטער פּערספּעקטיוו, איצט שפּילן זיי שוין פאַר אונדז — פריער אָבער האָבן זיי בלויז צוליב זיך און פאַר זיך גערעדט און דערציילט...

קימאַט אָן ענדערונג אין דעם פראַט איז געבליבן דער מאָנאָלאָג „אויסגעטרייסלט“, דערפאַר, אַפּאָנעם, ווייל דאָרט איז פון לעכאַטכילע אָן פאַראַנען אַ דערציילער, וועלכער איז גראַד אַליין אַ קאַסרילעווקער יִד, וואָס פאַרהיט דעריבער דעם גאַנצן אייגנאַרט פון דער קאַסרילעווקער וואָרט-אַטמאָספער. אָבער אויך אין „אויסגעטרייסלט“ האָט שאָלעמאַליכעם אינעם לעצטן וואַריאַנט צוגעגעבן אייניקע פאָרלייענערישע זאַצן און געלאָזט דעם יִדן דעם מאָנאָלאָגיסט ריידן פון „עקספּראָפּריאַציעס“, בעשאַס עקספּראָפּריאַציעס זיינען אין שטעטל פאָרגעקומען שפּעטער, בעכאָל אויפן ניט אין די „קאַסרילעווקער“ צייטן, צו וועלכע די שיינע דערציילונג „אויסגעטרייסלט“ געהערט מיט איר טאָך און קינסטלערישן אינהאַלט.

די דערציילונג „יאָרשים“ האָט שאָלעמאַליכעם גרינטלעך איבערגעאַרבעט נאָך אין 1910 יאָר (פריער אין „יוד“ האָט זי געהייסן „אַן אייגענע שטאָט“), צוגעגעבן אַ ריי עפּיזאָדן און שילדערונגען. און די איבעראַרבעטונג איז אויך געמאַכט געוואָרן לויטן שפּעטערדיקן מוסטער פון דער סעריע אַלט-נײַ-קאַסרילעווקע“—מיט אַסאַך לאַנגקייטן און מאָדערניזמען. אין דער ערשטער „יוד“-רעדאַקציע איז דידאָזיקע דערציילונג בעפּירעש געווען מער אויסגעהאַלטן אין פראַט פון נאָוועליסטישער פאָרם, — מיט ווייניקער דיהאַקטישע אַריינפלעכטונגען און מאַקע מיט מער פולשטענדיקער קינסטלערישער שליימעס.

גאָר אָן קיין שום ענדערונגען זיינען אין דער לעצטער אויסגאַבע אַריין די דערציילונג „צוויי שאַלאַכמאָנעסן“, „אַן אָנגעלייגטער בריס“* און „ניט פאַר קיין יִדן געדאַכט“**. אין

* דער וואַריאַנט, וואָס אין „יוד“, איז גראַד אַן אַנדערער, אַ שהאַכערער, און דערפון איז ערשט צו זען, ווי גלענצנד שאָלעמאַליכעם האָט אים אויסגעבעסערט פאַר דער אויסגאַבע פון 1903 יאָר.

** דאָ איז אין דעם „יוד“-וואַריאַנט ניטאָ דער אייבפאַלדיקער „לא קבלתי און לא נתתי“ אין דעם באַוווסטן כעשבן פון רעב שייע, זיידלס טאַטע.

דאָס באַקאַנטע ווערטל, וואָס שטאַמט פֿונעם העברעיִשן אבן-עזרא, פֿאַרביטן מיט אַ ייִדיש פֿאָלקסטימלעכן שפּריכוואָרט.

אין דער דערציילונג „אים מעג מען מעקאַנע זײַן“ זײַנען אין דער לעצטער אויסגאַבע אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אַ פּאָר שינוים. אַנשטאָט:

„רעב מײַלעך דער כאַזן איז געווען אַ ייִד אַן אָרעמאַן, אַן אָני וועעווען גלײַך מיט אַלע קאַסרילעווקער באַלעבאַטים און האָט פֿאַרדינט אַזאַ לעוויִע נאָך דערפֿאַר, וואָס ער איז געשטאָרבן, ווי אַ צאַדיק, ווי אַ גרויסער צאַדיק. דאָס איז געווען יאָמקיפּער צו נ׳ילע“, —

אַנשטאָט דעם איז דער סאָף פֿון דעם זאַץ אין דער לעצטער אויסגאַבע איבערגעאַנדערשט:

„...האָט פֿאַרדינט אַזאַ לעוויִע נאָך דערהפֿאַר, וואָס ער איז געשטאָרבן יאָמקיפּער צו נ׳ילע. אַזוי שטאַרבט אַ צאַדיק, אַ גרויסער צאַדיק“.

אין דערדאָזיקער אויסבעסערונג איז עפּשער שאָלעמאַליכעם אויסן געווען פּאָשעט אויסמײַדן דעם סטיליסטיש ניט פּאַסנדיקן אָנגענומענעם „דאָס איז געווען“, אָבער דערבײַ האָט ער אַריבערגעטראָגן דעם טראָפּ אויפֿן „אַ צאַדיק, אַ גרויסער צאַדיק“, האַגאַט דאָס פֿריערדיקע: „דאָס איז געווען יאָמקיפּער צו נ׳ילע“ בינדט זיך מער מיט דעם טעקסט, וואָס קומט ווײַטער אין דער דערציילונג. הייסט עס, אַז שאָלעמאַליכעם האָט דערמיט אונטערגעשטריכן דאָס פּאָזיטיווע אינעם דאָזיקן טויט, פֿאַרפֿײַנערט, אַזוי צו זאָגן, זײַן אייגענע באַציִונג צו מײַלעכן דעם כאַזן, אָט ווי ער האָט עס געטאָן ווײַטער, בעת ער האָט אַרויסגעוואָרפֿן דאָס וואָרט „שיטערער“, מאָלנדיק דעם אויסזען פֿון מײַלעכס באָרד, אַזוי אַז ס׳איז אויסגעקומען: „אַ שיינער ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד“ אַנשטאָט „אַ לאַנגער, שיטערער באָרד“ ווי ס׳איז געשריבן אין די ערשטע וואַריאַנטן.

אין דער גרעסערער דערציילונג „דרײַפֿוס אין קאַסרילעווקע“ * האָט שאָלעמאַליכעם, ווי ס׳איז צו זען פֿון דער ניויאָרקער אויסגאַבע, איבערגעאַנדערשט נאָר איין שורע לעבן דער אויסגאַבע פֿון 1909, ער האָט איבערגעאַנדערשט די שלוםשורע פֿון דער דערציילונג. אַנשטאָט: „און אַזוי איז געבליבן אַדהײַעם האַזע“ שטייט אינעם לעצטן וואַריאַנט: „אַ סימען—ווער איז געווען גערעכט“. ס׳האַנדלט זיך דאָ וועגן דעם, וואָס קאַסרילעווקע האָט ניט געגלייבט, אַז מע האָט דרײַפֿוסן פֿאַרמישפּעט. די איבעראַנדערשונג האָט דאָ געוויס שפּילעוודיק אויסגענוצט דעם שפּעטער געשעענעם פֿאַקט פֿון דרײַפֿוסעס באַפֿרײַונג. אָבער די אומלאָגישקייט פֿונעם קאַסרילעווקער אייביקן ניט גלויבן — עפּשער האָט טאַקע קאַסרילעווקע געהאַט רעכט ניט צו גלויבן שפּעטער אין דער באַפֿרײַונג, ווי פֿריער אין דער ניט באַפֿרײַונג — אָט די אומלאָגישקייט, מיין איך, איז דאָך פֿאָרט געבליבן פֿאַרקרעפֿטערט אינעם „אַדהײַעם האַזע“, וואָס האָט זיך דערמאָלט אויך אומלאָגישער אַרויסגעריסן פֿון שאָלעמאַליכעמס פּען...

פֿון דעם אַלעם איז בעכאָל אויפֿן צו זען, אַז שאָלעמאַליכעמס אַלע קלענערע, גרעסערע און גאָר גרויסע ענדערונגען, וואָס ער האָט, לויט דער לעצטער ניויאָרקער אויסגאַבע, אַרײַנגעטראָגן אין די קאַסרילעווקער דערציילונגען פֿון „די קליינע מענטשעלעך“—די אַלע שינויִם און צוגאָבן האָבן אַ שײַכעס ניט צו געבוי, וואָרט און סטיל, נאָר צום עצעם אינהאַלט. דאָ האָט זיך מייסטנס שטאַרק און בולעט אויסגעדריקט שאָלעמאַליכעמס דעם שרײַבערס נײַע באַציִונג צו זײַנע אייגענע פֿריערדיקע ווערק. די לעצטע ניויאָרקער שאָלעמאַליכעםאויסגאַבע פֿון „די קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס“ שטעלט מיט זיך פֿאָר ניט קיין אויסבעסערונג, נאָר איבעראַרבעטונג און בענויגיע צו אייניקע דערציילונגען אַ היפּשע איבעראַנדערשונג, וואָס דריקט אויס ערטערוויס שאָלעמאַליכעמס „נײַע“ באַלעבאַטישמאָדערניזירטע אידייעןווענדונג.

---

* אין „יוד“ הייסט די דערציילונג: „ס׳קאָן ניט זײַן“. אויסער דאָס ענדערן דעם נאָמען איז די דערציילונג אין דער אויסגאַבע פֿון 1903 פֿײַן אויסגעבעסערט אַדאַנק אייניקע אויסשניטן און אַרײַנשטעלונגען.

„נישמאָ קיין מייסים“ איז אויסער דער שורע „ווער זייט איר און צו וועמען דאַרפט איר“, וועלכע שאָלעמאַלייכעם האָט איבערגעמאַכט אַף „דו“, ווייל „רעב אַריע איז אַזוי אַלט, אַז ער מעג יעדערן זאָגן דו“ — איז אויסער אָט די אַריינגעשריבענע שורעס האָט נאָך שאָלעמאַלייכעם אַריינגעשטעלט אַ שורע אין קלאַמערן, אַ מין רעמאַרקע, וואָס באַציט זיך אַפן שאַמעס: „ער מוט מיר אַ וויזן מיט דער אויסגעטריקנטער האַנט אַף די ווייגענדיקע ווייבער“, האַגאַם אַזאַ מין שורע אין קלאַמערן, אַביסל פריער אין טעקסט, איז אויך פאַראַן אין די ביידע פריערדיקע וואַריאַנטן און איז אויך פאַרבליבן אינעם לעצטן.

אין דער דערציילונג „אַ פאַרשטערטע כאַסענע“ האָט שאָלעמאַלייכעם לויט דער ניו-יאָרקער אויסגאַבע פאַרקירצט צוליב עפּעס די פאָלגנדיקע גאַנץ כאַראַקטעריסטישע שורעס:

„קאַסרילעווקער ייִדן — די זייִנען גאָר די קאַפּאָרע! לאָז קומען קיין קאַסרילעווקע אַ באַן אַ רעכטער, דאַוונען אַ שאַבעס מעוואָרכים, וועט מען פאַרזעצן אַ מאַשקן און מען וועט גיין האָרכן דעם באַן.

צוויאַך צעלניקער איז געווען, קאָן מען זאָגן, צווישן קאַסרילעווקער אַ קאַסרילעווקער“.

דערצו האָט שאָלעמאַלייכעם פאַרביטן די סמילער קלעזמער אַף יעהופּעצער — פאַרגרעסערט אַף אַזאַ אויפן די „קלייִנע האַסאָגעס“ פונעם קאַסרילעווקער „קלייִנעם מענטשעלע“ און ווידער רעמושירט די לאָקאַלע באַאַרבונג, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די פריערדיקע וואַריאַנטן *.

מערערע צוגאָבן האָט שאָלעמאַלייכעם לויט דער לעצטער אויסגאַבע אַריינגעפירט אין „נאַכעס פון קינדער“. דאָ האָט ער גלייך פון אָנהויב אָט ווי געענדערט —

אין די ערשטע אויסגאַבן:

„קיין נאָגיד, הערט איר, בין איך ניט, ווייט פון אַ נאָגיד, נאָר נאַכעס פון קינדער קאָן איך מיך באַרימען“ א. א. וו.

און אין דער ניו-יאָרקער אויסגאַבע:

„קיין נאָגיד, הערט איר, בין איך ניט, ווייט פון אַ נאָגיד. נאָר נישט. אַ באַלעבאָס מיט אַ דירע אַן אייגענע, כאָטש וואָס האָט מען, מישטיינס געזאָגט, באַ אונדז פון אַ דירע! מאַקעס! — נאָר נאַכעס פון קינדער“... א. א. וו. **.

און אין העסקעם מיט אָט דעם צוגאָב, אַז דער מאָנאָלאָג-ייִד איז אַ באַלעבאָס מיט אַן אייגענער דירע, ווערן שפּעטער אַריינגעפירט אַנטשפּרעכנדיקע הויסאָפעס אין דעם פּראַט, אַז יעדערן פון די „פייִנע“ זין און איידעמס נעמט ער, דער מאָנאָלאָג-ייִד, צו זיך אין שטוב. אין די פריערדיקע וואַריאַנטן ווערט עס אויסגעשפּראָכן געזאָגט נאָר בענויגייע צו איין איידעם, דעם וואָס פון ייכעס, די איבעריקע אָבער האַלט דער ייִד אויס ביכלאַל אַף זייִנע פּלייצעס, ווי ער דערציילט, און ס'ווערט ניט געזאָגט, אַז ער נעמט זיי צו זיך אין דירע.

אויסער דעם איז אין דער דערציילונג אין דער לעצטער אויסגאַבע פאַרענדערט געוואָרן דער זאַץ מיקויעך דעם שלימאַזלדיקן איידעם דאָרטן, וו ס'רעדט זיך וועגן דעם, אַז ווען „ער קויפט סחורע איז אַ זאָל, האַנדלט ער אייִן אָקסן, פיינגערן זיי, רירט ער זיך צו צו וואַלד איז אַ וואַרעמער ווינטער — אַ באַרמאַזל. טאָמער, זאָג איך, וואָלסטו געהאַנדלט מיט טאַכריכים, וואָלט מען אויפגעהערט שטאַרבן“. איז אָט דער סאָף זאַץ איז געענדערט אַף: „אַ באַרמאַזל, ער זאָל אַ קוק טאָן אין טייך, וואָלטן געפייגערט אַלע פיש“. געוואָלט האָט, אַפּאָנעם, שאָלעמאַלייכעם

---

* אין דעם „יוד“-וואַריאַנט — ניט „סמילער“ נאָר „באַפּלאַפּאָוויטשער“ קלעזמער.

** דער „יוד“-וואַריאַנט הויבט זיך אָן: „אַנקעגן דעם, ווי איר זאָגט: קינדער. קיין נאָגיד, הערט איר, בין איך ניט“ — און אַזוי ווייטער, ווי אין דעם וואַרשעווער וואַריאַנט. אין דעם „יוד“-וואַריאַנט איז ניט פאַראַנען די טייסע מיטן עלטערן זון, די פּראַטיעסן, ווי מע האָט אים אַרויסגעשיקט פון דאָרף.

אין דער לעצטער, שוין גאָר לעצטער אויסגאַבע פון שאָלעמאַלייכעמס ווערק, וואָס זייַנען דערשינען אין ווילנע—וואַרשע 1925 יאָר אין ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, שטייט געשריבן: „צוליב דעם פאַרלאַנג פון שאָלעמאַלייכעמס יאָרשים איז די אויסגאַבע געדרוקט לויט דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע“. דערדאָזיקער פאַרלאַנג איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, א געזעצלעכער און ריכטיקער. און דאָך — אַף וויפל מיר האָבן דעם פאַקט פון צוויי באַזונדערע און אָפטמאָל, ווי איך מיין, זעלבשטענדיקע וואַריאַנטן פון אייניקע דערציילונגען, מוזן מיר באַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן נעמען אין אַכט די טעקסטן פון דער „יובילעום אויסגאַבע 1909“. מיר מוזן גריילעך נעמען אין אַכט אָט די טעקסטן, וואָס דריקן אויס אומיטלבאַר שאָלעמאַלייכעמס ערשטע קינסטלערישע קאַוואָנע, וועלכע איז, ווי מיר דאַכט, גראָד איצט אונז נעענטער, אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפונקט פון אונדזערע אידעאָלאָגיש-קינסטלערישע פאָדערונגען און אָפשאַצונגען.

די פראַגע וועגן די צוויי גרונט-אויסגאַבן פון שאָלעמאַלייכעמס „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס“ דאַרף בעכאָל אויפן אַוועקגעשטעלט ווערן פאַר אונדזער ערנסטער און וויסנשאַפטלעכער שאָלעם-אַלייכעם-פאָרשונג.